# שיחת קודש

## מכ"ק מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע

### עם כ"ק אדמו"ר מקרעטשניף זצוק"ל

**בבית מרן זי"ע - פסח שני שנת תש"מ**

**רבינו:** שלום עליכם, אויף שבת זענט איר שוין דא געווען?

**האדמו"ר מקרעטשניף:** ניין, איך בין געווען אין טאראנטא, דאס ערשטע מאל בין איך יעצט געווען אין טאראנטא,ווי פילט זיך דער רב אין בריאות?

**רבינו:** מען דארף האבן כח.

**האדמו"ר מקרעטשניף:** וקוי ה' יחליפו כח, שטייט וקוי ה' יחליפו כח, די ערליכע אידן גיבן אוועק זייער גאנצן כח צו דינען דעם אויבערשטן, גיט זיי דער אויבערשטער פרישע כוחות [1], און דער כח איז שוין למעלה מן הטבע.

איך האב מיך היינט דערמאנט א מעשה, איך ווייס נישט אויב דער רב האט עס געהערט, אויב דער רב האט עס געהערט וועט עס זיין ביי מיר א חשיבות איך זאל עס בעסער הערן, און אויב נישט, וועט עס מיר זיין א חשיבות אז דער רב וועט עס פון מיר הערן.

איך בין נישט זיכער ווער עס איז געווען דער מענטש אין שטוב, ווען דער פריער'דיגער שווער רבי הענדי'ל - דער הייליגער קערעצקיער רבי - אפשר ר' זלמן לייב פריעדמאן, אדער ער אן אנדער'ער איז געווען דארט, ווען דער קערעצקיער רבי איז געווען דארט אין הויף, ער איז געזעסן ביי אים (אצל הגה"צ מקערעצקי) אין שטוב א שעה צוויי, און ער איז נאכדעם אריינגעקומען צום רב זכרונו לברכה - צום עצי חיים - זייער פארפלאמט, זייער איבערראשט, ער האט גארנישט געזאגט.

רופט זיך דער רב ז"ל, איך זעה, דו ווילסט עפעס זאגן, זאג שוין, זאגט ער אים, 'איך בין יעצט געווען ביים שוואגער, און געשמועסט אין לערנען, און איך האב געזען ביי אים (הגה"צ מקערעצקי) אזא בקיאות, איך האב אין מיין לעבן נישט געהערט אז עס איז שייך אז א מענטש קען האבן אזא בקיאות אין לערנען, אין ש"ס און אין פוסקים, אין אלעם', ער איז געווען אויסער זיך, אז א מענטש קען זיין אזא בקי!.

עד כדי כך (נתרגש) אז דער עצי חיים ז"ל האט געהאט חלישות הדעת, האט ער זיך אנגערופן צו אים 'ווייסטו וואס, פארהער מיך', עס איז געווען דארט אלטע ספרים, זאגט ער, 'נעם ארויס וועלכעס ספר דו ווילסט, און פארהער מיך', ער האט ארויסגענומען א תשובה ספר - איך געדענק נישט וועלכע ספר אדער א תשובה ספר - אז דער רבי האט געהייסן האט ער דאך שוין געמוזט, און אז דער רבי האט געהאט חלישות הדעת האט ער אויך געוואלט צוהעלפן צו דעם - האט ער געזאגט, אז דער רב ז"ל האט דורכגעזאגט די תשובה פון אנפאנג ביז צום סוף מיטן לשון, נאכדעם זאגט ער אים "ווייסטו ווילאנג איך האב שוין נישט געזען די תשובה, אכצן יאר!".

דער רב האט שוין געהערט די מעשה?

**רבינו:** ניין, ער (מרן העצי חיים) האט גארנישט פארגעסן, ער האט געהאט א געוואלדיגען זכרון [2].

**האדמו"ר מקרעטשניף:** איך האב געהערט אז דער סאטמאר רב ז"ל - דער פעטער - האט אזוי געזאגט "אז מיין ברודער וואס ער האט געלערנט האט ער קיינמאל נישט פארגעסן".

**רבינו:** ברבים האט ער דאס געזאגט [3].

1 עיין בספה"ק ברך משה (פר' חיי שרה אות ב') שרבינו זי"ע מביא שכעין זה אמר הרה"ק הייטב לב להמהר"ם שיק כשנסע לבקרו בעת חליו שהצדיק ע"י הבטחון בהקב"ה מקבל מהקב"ה כוחות הגוף כדוגמת חליפין, עיי"ש מה שפירש בזה בנועם דבריו הק'.

2 עיי' בס' שיח זקנים (ח"א עמ' קיז) בשם א' מתלמידי העצ"ח ששמע ממנו שאמר: העולם מדברים ממני אודות הזכרון שלי, הנה יש לי זכרון כשאר בנ"א, רק אני מייגע עצמי לכך אני זוכר יותר טוב.

3 עיין בקונטרס באור החיים שהגה"צ מטענקא זצ"ל סיפר שפע"א אמר לו מרן רביה"ק בעל הויא"מ זי"ע על אחיו הק' העצי חיים: ביי מיין ברודער איז נישט געווען בנמצא די ענין פון שכחה, אלעס וואס זיינע אויגן האבן געזעהן איז אים קיינמאל נישט ארויס פון זכרון,

**האדמו"ר מקרעטשניף:** איך האב א ספר כתב יד פון הייליגן זיידן רבי ר' מרדכי'לע (מנאדווערנא זי"ע) וואס ער האט געשריבן אלס יונגל, א קליין ספר'ל א גאנץ ספר'ל, פארשידענע בריוון מיט ענינים, מען קען אפילו גארנישט פארשטיין וואס דארט שטייט - פשטות די ווערטער פארשטייט מען אבער די ענינים פארשטייט מען נישט - שרייבט ער דארט, "מען זאל גיין צום ציון פון א צדיק און מען זאל פאר אים מתפלל זיין, אז דאס וואס ער וועט איינמאל לערנען זאל ער קיינמאל נישט פארגעסן, שרייבט ער 'דלא כהתעיף עיניך בו ואיננו'[4].

**רבינו:** איך האב אויך א כתב יד פון ישמח משה, שרייבט ער דארט, אז ער איז משביע שלא אשכח שום דבר פון וואס ער האט געלערנט. (עיין בס' משה היה רועה ח"א עמ' כ"ח שמביא העתק מהכתי"ק)

**האדמו"ר מקרעטשניף:** משביע?!

**רבינו:** יא, משביע!.

**האדמו"ר מקרעטשניף:** דער ישמח משה האט דאך אויך זיך משתמש געווען בקמיעות.

**רבינו:** ער שרייבט גאר וואס ער וויל געדענקען, ש"ס כתבי אר"י, ער רעכנט אויס אלעס.

איך האב דערציילט אין די ישיבה, איינמאל איז געקומען צום לערנען איינער - אמאל איז געווען די ליטוואקעס און בעיקר די פוילישע בקיאים האט מען גערופן א ש"ס פאלאק - דער טאטע פלעג דאך יעדן טאג פארלערנען א שיעור עלף אזייגער פאר די בחורים, געווענליך אז עס איז געקומען א פרעמדער איד האט ער זיך צוגעזעצט צום לערנען, איז אנגעקומען א פרעמדער איד, און ביים לערנען האט ער זיך אריינגעמישט.

און ער איז אריינגעגאנגען א שמועס, און דער איד זאגט אז מען קען אים פארהערן ווי מ'וויל אין ש"ס, און דער בחור מאכט צו די גמרא און פרעגט אים א תוספות אין יבמות און ער זאגט, און אזוי גייט ער ווייטער.

ס'איז געווארן א רעש ביי די בחורים און עס איז ארויפגעקומען ביז אויבן, אז דא איז דא א איד וואס קען ש"ס און ער זאגט ער איז 'א ש"ס פאלאק', רופט ער (מרן העצי חיים) אים ארויף, און ער זאגט אים 'איר קענט ש"ס?', פרעגט ער אים א תוספות און נאך א תוספות און ער ווייסט, רופט ער (מרן העצי חיים) זיך אן, איר מיינט אז נאר א פוילישער קאן?, אן אונגארישען רב קאן אויך!, פארהערט איר מיך, נו ער האט געהאט וואס צו פרעגן, און וואו ער האט נאר געפרעגט האט אים דער טאטע ז"ל געענטפערט ווען ער איז אוועקגעגאנגען, איז געווען דארט א איד יעקב שלאמאוויטש ער איז געווען גבאי ביי די בחורים - ער האט געקאנט פיין לערנען, ער פלעגט יעדן טאג ארויפקומען נאכן לערנען - פרעגט ער דעם טאטע'ן ווי האט דער רבי נישט מורא געהאט פאר אלע בחורים צו זאגן פארהער מיך?, זאגט ער אים "נו איך קאן דאך טאקע, ווען איך קאן נישט האב איך וואס מורא צו האבן', און ער זאגט אים אזוי: 'איך קען נישט ש"ס, נאר וואס קען ער?, ער קען די בארימטע תוספות'ער, און וואס ער קען, קען איך אויך!.

**האדמו"ר מקרעטשניף:** איך האב געקענט אן אמת'ן בקי בש"ס, דער רב פון סטאניסלאוו[5] ווען איך האב געלערנט אין סטאניסלאוו, דער רב איז געווען א גאון און תמים דעים, דאס האב איך כמה פעמים געזען אליין, אז ער האט געקענט גאנץ ש"ס אויפן לשון.

א פלא וואס איך האב געהערט דערציילן אז פאר זיין פטירה ווען ער (הגאב"ד סטאניסלאוו זצ"ל) איז געלעגן אין בעט האט ער געחזר'ט ש"ס, מען האט געזען אז ווען ער האט א ספק אין א תוספות האט ער זיך געהייסן צוברענגען א גמרא האט מען אים געפרעגט 'דער רבי האט דורכגעלערנט ש"ס הונדערט און איין מאל?, האט ער געענטפערט: 'א פאר מאל הונדערט און איין מאל!'.

---

ועיי"ש עוד סיפורים מזכרונו הנפלא.

4 היינו הפסוק במשלי (כג), ועיין במהרש"א ברכות (ה.) וז"ל: דכל הענין נדרש לגבי תורה כי תשב ללחום וגו' ושמת סכין בלועך וגו' כמפורש פ"ק דחולין ואמר אל תיגע להעשיר וגו' כפרש"י שם ואמר מבינתך חדל כמ"ש ואל בינתך אל תשען מלחזור על גירסתך כי התעיף עיניך בו וגו' כפרש"י דהיינו שימהר הדבר להשתכח, ועיי"ש עוד.

5 ה"ה הגאון רבי דוד הלוי איש הארוויטץ זצ"ל אב"ד סטאניסלאוו בנו של הגאון רבי אלעזר הלוי זצ"ל אב"ד ראהטין, בן הגאון רבי משולם ישכר זצ"ל אב"ד סטאניסלאב, בן הגאון רבי ארי' לייביש אב"ד סטאניסלאב בעל השו"ת הרי בשמים, בן הגאון רבי אלעזר אב"ד זלאזיץ בן הגאון הקדוש רבי איציקל מהאמבורג זצ"ל. והגאון הנזכר הקים אחר המלחה"ע הראשונה ישיבת 'אור תורה' בעירו אשר בה למדו הרבה ת"ח מופלגים ובעלי שם.

**רבינו:** ער איז געווען אן אייניקל פונעם הרי בשמים (הגה"ק רבי ארי' לייביש הורוויטץ זצ"ל אב"ד סטריא וסטאניסלאוו), דער הרי בשמים האט געקענט גאנץ ש"ס, כל התורה כולה האט ער געקענט[6], דער טאטע ז"ל האט געהאט א הורמנא פון הרי בשמים.

**האדמו"ר מקרעטשניף:** דער סדר ווי מען האט דארט (בישיבת אור תורה בסטאניסלאוו) געלערנט האט מען נאך קיינמאל נישט געלערנט, יעדע וואך האט מען געלערנט פינף בלאט גמרא תוספות מיט מפרשים, און איין בלאט גמרא תוספות האט מען זיך געדארפט אליין צולערנען.

איך האב דארט געלערנט אנדערהאלבן יאר, פערצן יאר בין איך געווען, רוב בחורים זענען געווען אכצן ניינצן, דעם ערשטן זמן האט מען געלערנט גאנץ סנהדרין ביז פרק חלק, אויסוועייניג האט מען געקענט, און גאנץ חושן משפט הלכות דיינים בעל פה, און דער צווייטער זמן האט מען געלערנט קידושין און תערובות, האט מען געקענט בעל פה גאנץ קידושין און גאנץ תערובות, אלעס אלעס.

**האדמו"ר מקרעטשניף:** מיין פעטער ר' מאיר'ל פלעגט גיין צום עצי חיים ז"ל.

**רבינו:** איך האב אים גוט געקענט.

**ושאל האדמו"ר מקרעטשניף:** ווער איז דער גבאי דא?

**רבינו:** ער, פארוואס?

**האדמו"ר מקרעטשניף:** איך האב געוואלט מען זאל טרינקען לחיים.

**רבינו ציוה להביא כיבוד ויי"ש**

**ואמר האדמו"ר מקרעטשניף:** תרעין פתיחין שטייט דאך אין זרע קודש.

**רבינו:** דער ראפשיצער רב ברענגט אז נאך ל"ג בעומר איז תרעין פתיחין.

וציוה רבינו להביא לפניו הספה"ק 'זרע קודש' ולמד מתוך הספר

**ואמר להאדמו"ר מקרעטשניף:** גיט א קוק, דא איז ער מסביר פון ווי נעמט זיך דאס ביי א זכר איז ל"ג ביי א נקיבה איז ל"ו איז ער מסביר אז.... ער ברענגט די קושיא פון עבודת ישראל[7]...

ונפרדו לשלום וחזר רבינו ללמוד מהזרע קודש

---

6 אשר כידוע שהיה מבין המשיבים המפורסמים ביותר ברחבי מדינות פולין וגאליציע, ורוב השאלות שבקצוי תבל הגיעו אליו ואל הגאון המהרש"ם מבערזאן, וידוע שבעודו בבחרותו נסמך על ידי הגאון בעל שואל ומשיב שכ' לזקינו הגאון רבי משולם ישכר זצ"ל 'שנשמתו של זקינו בעל החוות דעת חזרה בנכדו באכסניא שלה', וכן הרה"ק מצאנז זי"ע קירבו וחיבבו להפליא, וכן זקינו הגאון ר' משולם ישכר סמך את ידו עליו להורות ולדון.

7 עיין בספה"ק עבודת ישראל (ליקוטים) וזלש"ק: והנה איתא בזוה"ק בר"מ פרשת בהעלותך בד"ה פקודא שלשים וז"ל כיון דכנסת ישראל מתעטרא בעטרהא בניסן לא איתעדיאת כתרא ועטרהא מינה תלתין יומין וכל אינון תלתין יומין וכו' מאן דבעי למחמי למטרוניתא יכול למחמי כרוזא כריז כל מאן דלא יכול למחמי למטרוניתא ייתי ויחמי עד לא ינעלון תרעי, אימתי כרוזא כריז בארבעה עשר לירחא תנינא דהא מתמן עד שבעה יומין תרעין פתיחן מכאן ולהלאה תרעי ינעלון עכ"ל. וצריך הענין ביאור, מפני מה שני שבועות קודם חג הקדוש הבא ינעלון תרעי, ואדרבא כל אשר יקרב הזמן לקדושת החג מהראוי שיפתחו השערים למיחמי למטרוניתא. אלא דיש לומר שכיון דאמרו רז"ל (פסחים ו.) שואלין ודורשין לפחות ב' שבועות קודם יו"ט מענינו של יום, מסתמא הכלה העליונה מתקשטת בקישוטיה בימים הללו. ולכן ניחא נעילת שערים בזמן ההוא, כי אין רשות לאדם ליכנס ולא דרך ארץ הוא, וכמ"ש בזוה"ק [בפרשת פקודי בד"ה ויביאו את המשכן אל משה] על פסוק (שמות מ, לה) ולא יכול משה לבא אל אוהל מועד וגו' וכבוד ה' מלא את המשכן וגו' עי"ש.

---

**תשוח"ח להרבני הנגיד מו"ה שלמה אבראמאוויטש הי"ו מנאמני בית מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע**
**יו"ר מערכת בהיכלא דמלכא**
**שנהג בנו טובת עין ומסר לנו השיחות לכבוד ההילולא קדישא**